# ווייטערע ענטוזיאַסטישע אָפּרופן אין דער ישׂראל־פּרעסע וועגן ק. צעטניקס ניי־דערשינענעם בוך אין עברית „דער זייגער איבערן קאָפּ"

שילדערן מיט אַזאַ אויפשוידערנדיקער שטילקייט און מיט אַזאַ געפּרעסטער שפּאַנונג, קאָנען בלויז יחידי־סגולה; דערצו נאָך מיט אַזאַ אינטימקייט, דאָס קען בלויז איינאיינציקער — ק. צעטניק. דער אופן פון ק. צעטניקס שרייבן פאַלט נישט אַרונטער קיין שום ביז איצט באַקאַנטן ליטעראַרישן זשאַנער. די ליטעראַטור־פאָרשער האָבן באַוויזן זיך צו דערשלאָגן ביז די טיפסטע טיפענישן פון מענטשלעכן באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין, זיי זענען אָבער נישט דערגאַנגען צו דעם אָפּגרונטיקן רעאַליזם פון ק. צעטניק.

ק. צעטניק איז איינער פון די הומאַניסטן פון אונזער דור. זיינע ביכער באַשרענקן זיך נישט אין די גרענעצן פון ליטעראַטור, זיי זענען אַן אומשיידבאַרער חלק פון אונזער פאָלקס־שאַץ.

**ה צ ו פ ה**

אַן אָרגינעל בוך סיי אין קאָנסטרוקציע, קאָנצעפּציע און סטיל. פּאָעטישע מאָדערנע פּראָזע. קורצן זאַצן. אָפּטמאָל בלויז איין וואָרט, און עס פּייערט צו דיר אַרויס אַ שלל פון געוואַלדיקער סוגעסטיווער קראַפט.

**אָ ד ־ נ אָ ו אַ**

„דער זייגער איבערן קאָפּ" ווייזט אונז דאָס קרעמאַטאָריום פון אוישוויץ נישט אויף אַ סטאַטיסטישן סינטעטישן שטייגער, ווי מיר זענען געוווינט ביז איצט, נאָר מיט דער געניקייט פון אַ קינסטלער, און מיט דעם אמת־געפיל פון אַן ערנהאַפטן מענטש. דאָס בוך דאַרף זיך געפינען נישט בלויז אין די הענט פון יענע וואָס האָבן גענומען אַנטשעדיקונגס־געלטער פון דייטשלאַנד, נאָר אין די הענט פון יעדן מענטש.

**ע ו ל ם ה ז ה**

ק. צעטניקס ניי בוך איז ווי אַ בילדער־גאַלעריע וואָס מאַכן דיך שטוינען מיט זייער מהות, מיט זייער וואַכקייט און שטריכן־דינקייט, און מער פון אַלץ מיט דעם עסטעטישן רושם וואָס זיי מאַכן אויפן לייענער. דאָס זענען קינסטלערישע וויניעטקעס, עקספּרעסיאָניסטיש ביזן העכסטן גראַד, געצייכנט אויפן פאָן פון סוף און אומקום... אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן די גרויסע מאָס פון עמפּינדונג, איינגעהאַלטענער צייכן־פּאַרקלאַפּטער פּאַטאָס, קינסטלערישע געשטאַלטונגס־קראַפט און שיינקייט — יאָ, האָר־קאַפּויערשטעלנדיקע שיינקייט — וואָס דעם מחבר איז געלונגען אַריינצואָטעמען אין די בלעטער פון דעם בוך.

**ק ש ת**

ק. צעטניקס ביכער זענען ווי אַן אָפּגעשלאָסענע גרופּע פאַר זיך, איינציק אין זייער מין. קענטיק, אַז זיי ווערן געשריבן דורכן מחבר אין אַ צושטאַנד פון געוואַלדיקער גייסטיקער עקזאַלטאַציע. ק. צעטניק דערמאָנט אין ע. מ. רעמאַרק, אָבער מערסטנטייל שטייגט ער רעמאַרקן אַריבער.

**פ נ י ם א ל פ נ י ם**

אַ נייער רעאַליסטישער אופן פון שרייבן. אָבער נישט צוליב ליטעראַרישער מאָדע, נאָר אונטערן דרוק פון דעם באַהאַנדלטן שטאָף. ק. צעטניקס אייגנאַרטיקע סגולה ליגט אין זיין כוח צו קאָנען געשטאַלטיקן מיט דער דינסטער איידלסטער געשטאַלטונג זאַכן וואָס בלויז אַן אָפּנויג אויף אַ האָר קאָן אַראָפּוואַרפן אין תהום פון וולגאַריטעט. די זעלבע סגולה וואָס האָט אויך געפירט דעם מחבר אין זיין פריערדיק בוך „דאָס הויז פון די לאַלקעס"; דאָס בוך וואָס איז איבערגעזעצט אין 18 (אכצן) שפּראַכן און איז פאַרשפּרייט אין אַ סך מיליאָנען עקזעמפּלאַרן איבער אַלע וועלט־טיילן.

**י ע ד**